# קאַציזנעס און אַנדערע גראַמען

קאַציזנעס געגראַמטע ווערק זענען רעלאַטיוו באַגרענעצט אין צאָל; מע קען זיי, הייסט עס, רעלאַטיוו גרינג איבערקוקן. זיי זענען אָבער אויך גאָר פֿאַרשיידנמיניק (פֿון באַלאַדעס ביז דראַמאַטישע פּאָעמעס), ווײַל קאַציזנע, ווי מיר האָבן געהערט,[1] האָט ליב געהאַט אויסצופּרוּוון זײַן פּען אין גאָר פֿאַרשיידענע זשאַנערן; אַזוי האָט ער אויך געטאָן גראַמענדיק. אינטערעסאַנט איז אויך צוצוטרעטן צו אים נישט בלויז ווײַל ער האָט אויסגעפּרוּווט אויך די טעכנישע מעגלעכקייטן פֿון ייִדישע גראַמען, נאָר אויך ווײַל ער איז שוין געווען פֿון אַ דור וואָס איז (אונטער פּרצעס השפּעה) צוגעגאַנגען צו ייִדיש ווי צו אַן אַנטוויקלטער ליטעראַטור־שפּראַך און געבליבן אין נאָרמירטע שפּראַכיקע גרענעצן, כאָטש ער האָט זיכער גוט געשפּירט, אַז די ליטעראַרישע קאָנווענצן זענען נאָך ניט אַזוי פֿעסט אײַנגעפֿונדעוועט ווי בײַ ליטעראַטורן מיט אַ לענגערן ייִחוס־צעטל.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף בײדע אַספּעקטן און אויסברייטערן די טעמע, אַרײַננעמענדיק אויך אַ שטיקעלע מעטריק.

1) די ספּעציפֿישע קלאַנגיקע סטרוקטור און איר ווירקן אויף דער געגראַמטער שפּראַך.

2) די וואָג פֿון ליטעראַרישע ד״ה קינסטלעריש־עסטעטישע טראַדיציעס אין דער אַנטוויקלונג פֿון גראַם־קאָנווענצן.

איך מוז פֿון אָנהייב אָן בעטן מחילה פֿאַרן טיטל און אויך דערפֿאַר, וואָס מײַן רעפֿעראַט וועט ניט זײַן כּסדר צענטרירט אַרום קאַציזנען, כאָטש איך פּרוּוו אים אַרײַנפֿלעכטן אין אַ קייט מיט אַ פּאָר אַנדערע שרײַבערס - און אויך אילוסטרירן די אַלגעמיינע דערקלערונגען מיט בײַשפּילן פֿון זײַנע ווערק... און אַ מאָל פֿון אַנדערע!

אַז גראַמען און גראַמענטיפּן האָבן צו טאָן מיט דער שפּראַך אין וועלכער זיי קומען פֿאָר, דאָס איז ניט קיין נײַעס, נאָר מע דערמאָנט עס ניט אָפֿט און מע טראַכט זעלטן וועגן דעם פֿאַרנעם פֿון פֿענאָמען - זיכער ווײַל מע האָט מערסטנטיילס צו טאָן מיט בלויז איין שרײַבער און - איין שפּראַך. לאָמיך דערפֿאַר געבן אַ פּאָר בײַשפּילן. אין שפּראַכן מיט אַ פֿעסטן אַקצענט ווי אין פֿראַנצייזיש און אין אַ קלענערער מאָס איטאַליעניש, באַקומט זיך אַ נטיה צו צײלן טראַפֿן, בשעת אין ענגליש, אין ייִדיש אָדער אין דײַטש וועט מען גיכער איבערצײלן די אַקצענטירטע

[1] דאָס איז דער טעקסט פֿון אַ רעפֿעראַט אויפֿן ״VIII־טן סימפּאָזיום פֿאַר ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד״. דעם 27סטן סעפּטעמבער איז (מיט דער הילף פֿון די ״פֿרײַנד פֿון אַלטער קאַציזנע, פּאַריז״) דער נאָכמיטיק געווען געווידמעט קאַציזנעס ווערק אין דער סינאַגאָגע אין שווײַך, ווו מע האָט געוויזן אַן אויסשטעלונג פֿון זײַנע פֿאָטאָגראַפֿישע ווערק. איך לאָז דעם טעקסט ווי ווײַט מעגלעך אין זײַן מינדלעכער פֿאָרם און גיב צו אין הערות און רשימות די מאַטעריאַלן וואָס איך האָב דעמאָלט צעטײלט בכּתבֿ - אָדער וואָס עס איז אַרויף בשעת דער דיסקוסיע. אַ פּאָר אַנדערע רעפֿעראַטן פֿון דעם נאָכמיטיק ווערן איבערגעגעבן אין: Alter Kacyzne als Schriftsteller, Original und übersetzt – eine kleine Bücherschau; Katalog zur Ausstellung zum VIII. Symposium für Jiddische Studien in Deutschland. Trier und Schweich, 26. bis 28. September 2005, Herausgegeben von Ane Kleine und Nora Hahn (Sonderheft der Jiddistik-Mitteilungen), טריר 2005; בפֿרט ה. נאַט: Alter Kacyzne als Übersetzer von Alexander Sergejewitsch Puschkin, ז. 17-24, וועגן איבערזעצונגען וואָס קאַציזנע האָט געדרוקט אין זײַן צײַטשריפֿט ״מײַן רעדנדיקער פֿילם״ און וואָס איך האָב ניט באַטראַכט אין דאָזיקן רעפֿעראַט.

טראַפֿן, איבעריקע טראַפֿן זענען אַ צווייטיקע קריטעריע.[2]

איך וויל אָנווײַזן אויף אַ פּועל־יוצא פֿון אָט דעם, אין תּוך גוט באַקאַנטן, אונטערשייד אויף דעם אופֿן באַטראַכטן אַ סך גראַמען: די פֿון פֿראַנצייזיש באַקאַנטע ״רײַכע גראַמען״ (rimes riches) נעמען אַרײַן דעם קאָנסאָנאַנט וואָס פֿאַר דעם אַקצענטירטן גראַמוואָקאַל. זיי זענען לאַנג געווען אַ פֿאָדערונג פֿאַר קלאַסישער קוואַליטעט בײַ גראַמען. לויט דעם זעלביקן סימן, ״אַ בשותּפֿותדיקער קאָנסאָנאַנט פֿאַרן אַקצענט״, ווערן אויף דײַטש דעפֿינירט די אַזוי גערופֿענע ״רירנדיקע גראַמען״ (rühende Reime) - ״רירנדיק״ איז אין דעם פֿאַל אַ חסרון, ניט קיין מעלה! ווי קען דאָס זײַן? דאָס איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פֿון די אַקצענט־פֿאַרהעלטענישן: דער אַקצענטירטער טראַף אין דײַטש, ווי אין ייִדיש, איז כּמעט אַלע מאָל דער וואָס טראָגט דעם מיין פֿון וואָרט - פֿון אַ רירנדיקן גראַם באַקומט זיך כּמעט אַלע מאָל אַן אידענטישער גראַם אָדער אַ ווערטערשפּיל.[3]

אויב מע פּרוּווט פֿאַראַלגעמיינערן, פֿאַרשטייט מען אַז אין יעדער שפּראַך, וווּ עס איז פֿאַראַן אַ געגראַמטע פּאָעזיע, איז וויכטיק, די גראַמען זאָלן זײַן רעלאַטיוו שווער צו געפֿינען; ״רע־לאַטיוו״ מיינט אַז זיי דאַרפֿן קלינגען אין אויער ווי עפּעס וואָס וואָלט זיך ניט באַקומען גלאַט אַזוי צופֿעליק - פֿון דער צווייטער זײַט דאַרפֿן זיי פֿאָרט זײַן מעגלעך צו געפֿינען, ווײַל מיט אַ צו שווערער פֿאָדערונג וואָלט זיך ניט באַקומען קיין פּאָעזיע בכלל... דאָס מיינט אַז קענענדיק גוט דעם פֿאָרמען־אינווענטאַר פֿון אַ שפּראַך קען מען, מיין איך, ביז אַ געוויסער מאָס פֿאָרויס־זאָגן וואָס פֿאַר אַ פּאָעטישע קאָנווענצן קענען זיך באַקומען אָדער ניט.

פֿון דער צווייטער זײַט קען זיך מאַכן אַז מע נעמט איבער קאָנווענצן וואָס אַ ליטעראַטור אין אַן אַנדער שפּראַך האָט אַנטוויקלט און מע קרימט זיי נאָך אין דער אייגענער שפּראַך... אויב מע האָט זיך ניט אַרומגעקוקט אַז צוליב סטרוקטורעלע סיבות פּאַסט די קאָנווענץ שלעכט פֿאַר דער צווייטער שפּראַך, ווערט זיך אַזאַ ניט אָננעמען (ס׳קען אָבער אויך זײַן אַנדערש). מענדעלע האָט בשעתו (ווי חנא שמערוק האָט דערוויזן)[4] געשריבן זײַן ״ייִדל״ אין עלפֿטראַפֿיקע שורות מיט אַ פֿרײַער צאָל אַקצענטן. אַזאַ מוסטער האָט ער איבערגענומען - ניט פֿון איטאַליעניש דירעקט, נאָר פֿון איטאַליעניש־העברעיִשע דיכטערס וואָס האָבן זיך געהאַט געלערנט פֿון איטאַליענישע ווערק. דאָס איז געווען אַזאַ דורכפֿאַל אַז מענדעלע אַליין האָט אין גאַנצן איבער־געשריבן דאָס בוך אין אַ נײַער פֿאָרעם, אַ מער צוגעפּאַסטער פֿאַר ייִדיש.

לאָמיר זיך איצט נעמען צו קאַציזנען און צו די מינים גראַמען וואָס בײַ אים...

1) אין ״פּראָמעטעוס״ ווערן מענלעכע און ווײַבלעכע גראַמען געניצט אַ מאָל איבער אַ מאָל, ווי געוויינטלעך, אַ חוץ אין זעלטענע אויסנעם־פֿאַלן . אָבער מיט וואָס איז דאָס געוויינטלעך? בײַ פּרצן איז אַזוינס נאָך ניט אײַנגעפֿונדעוועט, ניט אין ״מאָניש״ נישט אין זײַן ״ראָמאַנצעראָ״, און אויך ניט אין מענדעלעס ״ייִדל״. כאָטש אַ געוויסע נטיה איז דאָ, זענען די אויסנעמען צו פֿיל מע זאָל קענען גלייבן אַז דער כּלל איז די קלאַסיקערס געווען הייליק - זיכער איז ער געווען

[2] איך לאָז אין אַ זײַט שפּראַכן ווו די לענג פֿון טראַפֿן וועגט איבער און אי דאָס אי יענץ ווערט ווינציקער וויכטיק.

[3] אויף פֿראַנצייזיש (און עבֿרית צוליב דער ספֿרדישער הבֿרה) איז אָן דעם־אָ קאָנסאָנאַנט דאָס גראַמען צו גרינג. אַן אַנדערער אופֿן די גראַמען צו מאַכן אינטערעסאַנט וואָלט אָבער געווען מעגלעך, בויענדיק לאַנגע סעריעס גראַמען שטאָטס פּשוטע פּאָרלעך (אַזוי אין דער אַלטפֿראַנצייזישער laisse און אין טײלן פֿון דער מיטל־עלטערישער לשון־קודשדיקער פּאָעזיע).

[4] חנא שמערוק: דער צווייטער נוסח פֿון מענדעלע מוכר ספֿרימס פּאָעמע ״ייִדל״ (1907-1906). אין: שלמה ביקל יובֿל־בוך, עֲטֶרֶת שְׁלֹמֹה, אַרויסגעגעבן פֿון משה חזקוני שטרקמן, ז. 355-318 (abstract p. xix). דאָס בוך איז צוטריטלעך אין אינטערנעץ, זע: ⟨http://www.archive.org/details/nybc210342⟩.

באַקאַנט און אויף ווי ווײַט ער קען ווירקן פּאָעטיש באַמערקט ער זיך. קיין ספּעציעלע מי האָט מען, ווײַזט אויס, דערויף ניט אָנגעווענדט.

קאַציזנעס ״פּראָמעטעוס״ איז אָבער דאָ ניט רעפּרעזענטאַטיוו פֿאַר אַלץ וואָס קאַציזנע האָט געשריבן. דאָס־אָ ווערק האָט ווײַזט אויס געדאַרפֿט האָבן אַ הויך קלאַסישן פּנים, און די שטרענגע מעטריק - צוזאַמען מיט דער אַנטיקער טעמע - האָט טאַקע אין אַ גרויסער מאָס געדאַרפֿט זײַן דער גורם פֿון אַזאַ אײַנדרוק ... און דעם אײַנדרוק שאַפֿט ער, כאָטש אָן אַ מעגלעכקייט צו וועקן אַן עכאָ פֿון פּאַראַלעלע ווערק אין ייִדיש!

קאַציזנע האָט אָבער אויך געשריבן היפּשלעך לאַנגע פּאָעמעס, בײַ וועלכע אַלע גראַמען זענען פֿון איין מין! אין ערשטן ליד פֿון דער סעריע ״מידות״, מיט דעם טיטל ״אַ ייִדישע חתונה״[5] ניצט ער אַ פֿיר־שורהדיקע סטראָפֿע מיטן גראַמען־שליסל ״אבאב״ וואָס נעמט אַרײַן בלויז דאַקטילישע גראַמען - 49 מאָל!

דאָס ניצן ריטמען וואָס זענען פֿרײַ פֿון דער (פֿאַר אַנדערע שפּראַכן) ״טראַדיציאָנעלער״ אײַנטיילונג אין מענלעכע און ווײַבלעכע גראַמען מיט אַ שטרענגן פֿאַרבײַט־סדר, שוין אויף דעם פּשוטן שטאַפּל, איז ניט געוויינטלעך אין דײַטש - ס׳איז אָבער יאָ נאָרמאַל אין געוויסע סלאַווישע פּאָפּולערע זשאַנערן. מיר זעען אויב אַזוי אַז אין די 20ער יאָרן האָט קאַציזנע אי באַהערשט די קונסט אי פּרובירט באַנײַעריש מעגלעכקייטן פֿון פֿאַרשיידענע סאָרטן.

ווי עס זעען אויס (אָדער ווי עס קלינגען) די־אָ דאַקטילישע גראַמען און וואָס פֿאַר אַ מעלות זיי האָבן, וועלן מיר באַלד אַרומרעדן. לאָמיך בלויז דערמאָנען אַז דאָס ניצן בלויז ווײַבלעכע גראַמען און אויך דאָס ניצן דאַקטילישע גראַמען אויף אַן אופֿן וואָס איז צ״ב אין דײַטש ניט פֿאַרשפּרייט (כאָטש אַ שפּראַך וואָס איר קלאַנגיקע סטרוקטור איז אין פֿלוג אַן ענלעכע צו ייִדיש) איז יאָ טיפּיש פֿאַר סטראָפֿישע לידער אין דער מאָדערנער ייִדישער געגראַמטער פּאָעזיע. לאָמיך דערמאָנען סוצקעווערס ״געהיימשטאָט״,[6] אַ לאַנגע עפּישע פּאָעמע אין העכער 240 10־שורהדיקע סטראָפֿעס מיט גאָלע ווײַבלעכע גראַמען (איך לאָז אין אַ זײַט דאָס ״פֿאָרליד״ און דאָס ״נאָכליד״ וואָס האָבן אַן אַנדער סטרוקטור)! און אַז אין סוצקעווערס ״לידער פֿון טאָגבוך״[7] ווערן ווײַטער דער עיקר געניצט ווײַבלעכע גראַמען און ווו עס איז אַנדערש פֿאַרבײַטן זיי זיך דווקא מיט דאַקטילישע גראַמען, קיין מענלעכע זענען כמעט נישטאָ!

אויך קאַציזנעס ליד ״קבֿר־ישׂראל״[8] פֿאַרמאָגט ניט קיין מענלעכע גראַמען: אָדער זיי זענען אַלע דאַקטיליש (אין דריטן קאַפּיטל) אָדער אַלע ווײַבלעך (אין צווייטן קאַפּיטל) אָדער עס פֿאַרבײַט זיך ווײַבלעך מיט דאַקטיליש (אין ערשטן און לעצטן קאַפּיטל - אין גאַנצן זענען דאָס 50 פֿיר־שורהדיקע סטראָפֿעס). איך ציטיר ווי אַ בײַשפּיל די צווייטע סטראָפֿע:

״אַזוי ווײַט פֿון אונדזער היימלען! אַזוי ווײַט פֿון אונדזער נעסטעלע!
״ווי ישׂראליקן פֿאַרפֿירן קאָן דאָס וויסטע משא־מתּן!
כ׳וואָלט שווערן דער ווינטער קומט! כ׳וואָלט זאָגן אַז עס פֿרעסטלט שוין!
זאָלסט בשלום כאָטש אַהיים אונדז ברענגען, האַרצעדיקער טאַטע!״

[5] אַלטער קאַציזנע: געזאַמלטע שריפֿטן, בד. 1, תּל־אָבֿיבֿ 1967, ז. 230-223.

[6] אַבֿרהם סוצקעווער: ״געהיימשטאָט״, תּל־אָבֿיבֿ 1948 (איצט אויך אין אינטערנעץ: ⟨http://www.archive.org/details/nybc208861⟩ - איבערגעדרוקט אין ״פּאָעטישע ווערק״, בד. 1, תּל־אָבֿיבֿ 1963 (⟨nybc208866⟩), ז. 538-441 און אין: ״לידער פֿון ים המוות, פֿון ווילנער געטאָ, וואַלד און וואַנדער״, תּל־אָבֿיבֿ 1968, , ז. 307-197 (⟨nybc213587⟩).

[7] אַבֿרהם סוצקעווער: לידער פֿון טאָגבוך, תּל־אָבֿיבֿ 1977 (⟨nybc202166⟩).

[8] אַלטער קאַציזנע: געזאַמלטע שריפֿטן, בד. 1, תּל־אָבֿיבֿ 1967, ז. 254-247.

שוין קאַציזנע האָט עקספּערימענטירט מיט פֿאַרשיידענע גראַמען־סטרוקטורן און מיט ריטמען וואָס זענען גאָר אַנדערש ווי די געוויינטלעכע למשל אין דער דײַטשישער פּאָעזיע - מע קען זיך משער זײַן אַז ער האָט זיי איבערגענומען גאַנצערהייט ווי מוסטערן פֿון סטראָפֿעס פֿון סלאַ־ווישע מקורים אָדער אַז ער האָט זיי לכל־הפּחות צונויפֿגעבויט פֿון עלעמענטן וואָס זענען געווען גאַנגבאַר אין דער רוסישער אָדער פּוילישער ליריק. גאַנצע מוסטערן פֿאַר סטראָפֿעס האָב איך דערווײַל ניט געפּרוּווט אָפּזוכן פֿון דאָרטן, איך מיין אַז בײַ געוויסע גראַמען, קען מען דאָס שוין בולט זען.

טיפּן פֿון גראַמען זענען דאָ פֿאַרשיידענע און זיי זענען אָפּהענגיק פֿון די מעגלעכקייטן פֿון אַ שפּראַך - אָבער אויך אין אַ גרויסער מאָס פֿון ליטעראַרישע טראַדיציעס איבערגענומענע פֿון פֿריערדיקע באַקאַנטע אָנערקענטע ווערק און מחברים אָדער פֿון אַנדערע ליטעראַטורן אין אַנדערע שפּראַכן וואָס ניצן אייגענע מעגלעכקייטן און געוווינטקייטן אויף זייער אופֿן. אין אַזעלכע פֿאַלן קען מען זיך לערנען פֿון דער פֿרעמד וואָס פֿאַר אַ מעגלעכקייטן די אייגענע שפּראַך האָט נאָך געהאַט, כאָטש מע וואָלט זיך אַליין אפֿשר נישט געהאַט געכאַפּט אַזוי באַלד.

מיר האָבן געזען אַז קאָמפּליצירטע, דער עיקר דאַקטילישע גראַמען זענען בײַ קאַציזנען און בײַ עטלעכע מאָדערנע דיכטערס אָפֿטע געסט, בשעת אין דײַטש זענען זיי גאָר זעלטן, און זעלטענע טיפּן האָבן אַ נטיה צו ווירקן ניט ערנצט און דעריבער צו זײַן מעגלעך בלויז אין קאָמישע לידער. דער פֿאַקט וואָס קאַציזנע איז מסוגל אויסצוטראַכטן אַזוי פֿיל דאַקטילישע גראַמען האָט צו טאָן מיט דעם, וואָס ער דערוואַרט - צי מיט וואָס ער פֿאַרלאַנגט ניט - פֿון אַ גראַם. מיר האָבן געזען אַז קלאַסישע פֿראַנצייזישע גראַמען נייטיקן זיך אין אַ פּינקטלעכער איבערחזרונג פֿון קלאַנגען, און ווער עס קען די כּללים גענוי, ווייסט אַז אַזעלכע גראַמען פֿאַרלאַנגען נאָך אַן איבערחזרונג פֿון באַזונדערקייטן וואָס מע הערט אַפֿילו ניט!... דאָס פֿירט דערצו אַז אַזעלכע גראַמען דערקענט מען באַלד, אָדער לאָמיך זאָגן פֿאַרקערט: אַז קיין הײַנטצײַטיקער פּאָעט קען אַזעלכע שוין ניט שרײַבן הײַנט. טעאָרעטישע באַשרײַבונגען שיידן פֿונאַנדער פּינקטלעכע און ניט־פּינקטלעכע, ריינע און אומריינע גראַמען, באַקומט זיך אַן אײַנדרוק אַז די ״ניט־פּינקט־לעכע״ אָדער ״אומריינע״ זענען שוואַכערע גראַמען און אַז זיי טויגן ניט פֿאַר קיין באמת גוטע לידער. דאָס איז אָבער בלויז אַ קאָנווענץ און די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישע גראַמען ווײַזט אונדז פּונקט פֿאַרקערט, אַז געוויסע אומפּינקטלעכקייטן אָדער געוויסע פֿרײַשאַפֿטן ברענגען ערשט די נייטיקע פֿרײַהייט און רײַכקייט. דאָס האָט צו טאָן מיט צוויי טיפּן גראַמען וואָס ביידע קומען זיי פֿאַר גענוג אָפֿט אין קאַציזנעס ווערק און אין שפּעטערדיקע אויך.

1) פֿרײַהייט לגבי דעם סוף פֿון וואָרט, נאָך דעם גראַמוואָקאַל. דאָ איז גענוג איין קאָנסאָנאַנט זאָל זײַן גלײַך ס׳מעג צוקומען נאָך איינער אָדער ניט, בלײַבט עס אַ גראַם - בײַ ווײַבלעכע גראַמען מיינט דאָס אַ פֿרײַהייט בײַ דעם נישט־אַקצענטירטן צוגאָבטראַף, וואָס קען זײַן שטאַרק אַנדערש.

2) די פֿרײַהייט נעמט אַרײַן דאָס פֿירקומען - אָדער ניט - פֿון אַ וואָרטגרענעץ אין מיטן גראַם (ווי אין ציטירטן גראַם ״נעסטעלע : פֿרעסטלט_שוין״, וואָס ווײַזט ביידע פֿרײַהייטן מיט אַ מאָל).

עס פֿאַרשטייט זיך אַז דעם גענויען כּלל אָדער די נייטיקע פּינקטלעכקייט דאַרף מען אויס־געפֿינען בײַ יעדן פּאָעט און אָפֿט מאָל בײַ יעדן ווערק פֿאַר זיך; דערפֿאַר האָב איך דאָס באַשריבן דערווײַל אין זייער אַלגעמיינע טערמינען.

לאָמיך אָבער געבן נאָך אַ בײַשפּיל פֿון קאַציזנעס ווערק, וועט איר באַלד זען און הערן. דאָס איז סטר. 17 פֿון דערמאָנטן ליד.

און זי שלעפּט נעבעך די טריטעלעך די זקנישע
מיט איר האָרב פֿון יאָרן איבער הונדערט שוין.
- ייִדן - שאַ! די זינד, זאָג איך, איז קיינעמס נישט
ס׳איז אַ מעשׂה נורא, אָבער טאַקע וווּנדער־שיין!

איך בין זיכער אַז קאַציזנע האָט געהאַט ווו זיך צו באַקענען מיט דעם טיפֿ גראַמען. ער האָט זיי זיכער ניט גענומען פֿון דײַטש: זיי זענען דאָ ווינציק פֿאַרטראָטן. ער האָט אָבער זיך אין דעם פּרט געקענט אויסלערנען די קונסט בײַ רוסיש און זי איבערגיסן אין ייִדיש. וועגן דעם וועלן מיר זיך מסתּמא דערוויסן עפּעס אַן אַנדער מאָל פֿון אַ גרעסערן מבֿין אויף דעם געביט.[9]

איך בין אַזוי זיכער, ווײַל איך זע אַז ס׳איז דאָ אַ דײַטשישער פּאָעט איצט וואָס ניצט אַ שלל אַזעלכע גראַמען, אַ מענטש וואָס האָט דאָס איצט אַנטדעקט פֿאַר דײַטש.

דאָס מיין איך דורס גריונבײַן. און ער אַליין איז דאָך אַ געבוירענער אין מיזרח־דײַטשלאַנד, אַ הייסער חסיד פֿון אָסיפּ מאַנדלשטאַם, האָט ער זיכער געקענט שעפּן די אינספּיראַציע בײַ ענלעכע קוואַלן ווי קאַציזנע אַליין! אַזעלכע גראַמען האָב איך געקליבן פֿון איין שמאָלינק בענדל מיטן טיטל »una storia vera«, מע וואָלט אָבער געקענט געפֿינען מער אין אַנדערע, גרעבערע בענד זײַנע.[10]

נו, איז דאָס שוין עפּעס! אָבער די גראַמען זאָלן הינקען אויף אַזוי ווײַט, אַז איין גראַמוואָרט זאָל זײַן לענגער פֿאַר זײַן ענטפֿערער מיט אַ גאַנצן טראַף, מענלעך זאָל זיך גראַמען אויף ווײַבלעך, צי קען אַזוינס דען געמאָלט זײַן?

בײַ דורס גריונבײַן קענט איר געפֿינען געציילטע אַזעלכע, וואָס צום טייל זענען זיי אפֿשר אַ פֿרײַשאַפֿט און מע דאַרף אַרויסרעדן גאָר ענלעך[11] - קאַציזנע האָט אַזוינס טאַקע באַוויזן! אין דעם ליד ״מגילת תּנחום״[12] ניצט ער אַ זעקס־שורהדיקע סטראָפֿע מיט ווײַבלעכע גראַמען לויטן גראַמען־שליסל ״אאבבגג״, מער ניט, דער לעצטער גראַם איז קירצער מיט איין טראַף פֿון זײַן ענטפֿערער! דאָס ליד פֿאַרמאָגט 50 אַזעלכע סטראָפֿעס, איך ציטיר די 39טע:

- ניין, מאַמעניו, ניין! כ׳בין קיין גליקן נישט אויסן! +N
איך האָב שוין פֿון לאַנג קיין אויגן קיין גרויסע
אויף פֿעטער אַכילה, אויף רײַכער הלבשה.
איך בענק נאָך אַ לעבן, כאָטש אָרעם און פּשוט, +T
אַבי נישט צו זיצן בײַ טישן בײַ פֿרעמדע, f/m
אַבי נישט צו בעטן בײַ לײַטן אַ העמד.

און ווי איז אָבער מיט די מאָזאַיִק־גראַמען אָדער די צונויפֿגעזעצטע גראַמען וואָס באַשטייען פֿון צוויי און אַ מאָל אַפֿילו דרײַ ווערטער? אַזוינס, דאַכט זיך מיר, איז דאָ אין דײַטש אין זייער אַ קנאַפּער מאָס - דאָס אָבער שוין פֿון מיטלעלטער: ספּעציעל דער פּראָנאָם ״ער״ נאָך אַ

9 פֿאַר אַן אַנדערן קוק אויף דער פֿאַרפֿלעכטונג פֿון גראַם, אַקצענט און אַרויסרעד, זע אוריאל ווײַנרײַך: וועגן פֿילטראַפֿיקן גראַם, אין: ייִדישע שפּראַך 15 (1955), ז. 97-109; און דערז.: On the Cultural History of Yiddish Rime. אין: Essays on Jewish Life and Thought, presented in Honor of Salo Wittmayer Baron (edd.: Joseph L. Blau u. a.). ניו יאָרק 1959, ז. 423-442.

10 למשל אין בוך Vom Schnee אָדער אין Porzellan, Poem vom Untergang meiner Stadt, 2005, דאָרטן מיט מער געמישטע פּאָרלעך מענלעך־ווײַבלעך). פֿאַר אַן איבערבליק איבער די דער־מאָנטע טשיקאַווע גראַמען אין »una storia vera«, זע די טאַבעלע ז. 8 (* = צוגאָב־פֿרײַשאַפֿט).

11 אין אַזעלכע פֿאַלן ווי אין פֿאַלן ווו עס גייט אַרײַן אַ צוגאָב־פֿרײַשאַפֿט (וואָקאַליש צי קאָנסאָנאַנטיש) שטייט אַ שטערנדל פֿאַרן גראַם אין דער רשימה.

12 אַלטער קאַציזנע: געזאַמלטע שריפֿטן, בד. 1, תּל־אָבֿיבֿ 1967, ז. 262-272.

װערב קען זיך גראַמען מיט אַ װאָרט װאָס האָט פֿון זיך [ער] װאָרט־אױס (אַלע קענען מסתּמא: «hoppe, hoppe Reiter, / wenn er fällt dann schreit er!»).

דאָס איז באַקאַנט אין מה״ד און אױב מע װיל אַ בײַשפּיל פֿון עלטערן ייִדיש, װאָלט איך געקענט ברענגען אַ האַלבן טוץ בײַשפּילן פֿון בָבֿא־בוך. אָבער אַזױ װײַט װי קאַציזנע, און װי אַנדערע מאָדערנע ייִדישע מחברים, איז קײנער אױף דײַטש ניט דערגאַנגען. מעגלעך אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם אַרױסרײד פֿון ניט שטאַרק אַקצענטירטע טראַפֿן אין דײַטש לגבי ייִדיש - אַז די טראַפֿן טראָגן געװײנטלעך אַ פֿילבאַרן צװײטיקן אַקצענט װאָס מאַכט קאַליע דעם גראַם. מעגלעך איז אָבער אױך אַז אַ פּאָעט דאַרף נאָך קומען און עס אַנטדעקן - איך האָב אָבער דעם אײַנדרוק - כאָטש איך בין זײער אַ קנאַפּער רוסיש־קענער - אַז אַפֿילו אין רוסיש איז דאָס ניט אַזױ װײַט אַנטװיקלט.

רעדנדיק װעגן רוסיש טראַכט מען באַלד װעגן שימעון פֿרוג, װאָס איז באַרימט געװאָרן מיט רוסישע און ייִדישע לידער, צי האָט ער אפֿשר אַזעלכע קונצן אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע? איך קען ניט גוט זײַן װערק, אָבער פֿון אַרײַנקוקן אױבנױפֿיק אין אַ פּאָר בענד לידער האָב איך באַקומען דעם אײַנדרוק אַז נישט ער איז געװען דער באַנײַער אױף דעם געביט.[13]

אַ לעצטן אַספּעקט פֿון די גראַמען װיל איך נאָך דערמאָנען, דאָס איז דער אופֿן זיך צו באַציִען צו דער כלל־שפּראַך לגבי גראַמען. װער עס גראַמט װי אין זײַן דיאַלעקט גראַמט זיך, װער עס גראַמט, װי די כלל־שפּראַך פֿאָדערט - און װער עס װערט אַ מאָל געשטרױכלט אױף אַ דיאַלעקטישן גראַם, אָבער ניט בכּיװן.

טיפּישע דרומדיקע גראַמען־פֿלעכטער קען מען פֿון אַ סך לידער געזונגענע װוּ ״ליב״ גראַמט זיך מיט ״שטוב״ אאַ״װ. װעגן דעם רעד איך שױן ניט. װער עס גראַמט ניט אַזױ איז מסתּמא פֿון צפֿון - אָדער ער סטאַרעט זיך צו גראַמען לױטן כּלל. אַ מאָל פֿאַרגינט ער זיך אָבער אױך געװיסע פֿרײַהייטן. װער עס גראַמט מיט אַנאַנד [ey] און [ay] איז געװײנטלעך אױך פֿון דרום: אין זײַן שפּראַך װאָלט עס זיך אױך ניט געגראַמט, אָבער אַז ער באַמיט זיך אַרױסצורעדן דעם כּללישן [ay] באַקומט זיך פֿאַר אים אַ קלאַנגיקע קרובֿישאַפֿט מיט װערטער, װאָס ער װאָלט אָן דעם מיט אַנאַנד ניט צונױפֿגעפּאָרט; װאָס טוט זיך אָבער בײַ צפֿונדיקע מחברים - און בײַ פּינקטלעכע כּלל־שרײַבער? עס איז אינטערעסאַנט אין דעם פֿאַל זיך אָפּצושטעלן אױף די כּלל־ייִדישע [oy]־גראַמען, װאָס זענען די ענטפֿערערס פֿון פֿאַרשײדענע היסטאָרישע קלאַנגען װאָס אין מאָדערנע ייִדישע דיאַלעקטן זענען זײ צעשײדט אין צװײ גרופּעס, װאָס קלינגען ניט אַלץ אײנס. איז דאָ צװײ אינטערעסאַנטע פֿראַגעס בײַ די [oy]־גראַמען:

1) צי גראַמען זיך בײדע מינים [oy] צװישן זיך, צי בלױז אָדער דער עיקר אַזעלכע װאָס די געװײנטלעכע אומגאַנגשפּראַך שטיצט זײ?

2) צי זענען דאָ ספּעציפֿישע צפֿונדיקע דיאַלעקטישע גראַמען פֿון [oy] מיט [ey]?

װעגן סוצקעװערן האָט איר פֿאַר אַ מוסטער אַן אױסצוג פֿון דעם גראַמען־װערטערבוך פֿון זײַן ״געהײמשטאָט״, דהײַנו די [oy]־גראַמען װאָס אין דעם בוך (די װערטער װאָס האָבן אין ליטװישן ייִדיש אַן [ey] שטאָטס [oy] האָבן אַ שטערנדל פֿאַר אַ סימן, די אַנדערע אַ נול - די קאָנװענץ איז איבערגענומען פֿון סטוטשקאָװס גראַמען־לעקסיקאָן).[14] דאָ געפֿינט מען צװישן די

[13] לײב נײַדוס צ.ב. האָט יאָ שױן געהאַט עקספּערימענטירט מיט די סאָרטן גראַמען װאָס װערן דאָ באַשריבן.

[14] ייִדישער גראַמען־לעקסיקאָן (35000 װערטער) צונױפֿגעשטעלט פֿון נ. סטוטשקאָװ. ניו־יאָרק 1931 (⟨http://www.archive.org/details/nybc200827⟩). די טאַבעלע געפֿינט זיך ז. 12-13. צו קענען זי ניצן דאַרף מען זיך פֿאָרשטעלן אַ דורכגײענדיקע נומעראַציע פֿון אַלע סטראָפֿעס פֿון ״געהײמשטאָט״ מיט דעם גראַמען־שליסל ababcdcdee; די ערשטע סטר. פֿון דעם טיפּ קריגט נומער 5, װײַל דאָס

[oy]־גראַמען קרובֿ צו 50% ספּעציפֿיש כּלל־ייִדישע גראַמען, דהײַנו גראַמען וואָס וואָלטן זיך ניט געגראַמט אין קיין ייִדישע דיאַלעקטן נאָר בלויז אין דער כּלל־שפּראַך - און קיין דיאַלעקטישע גראַמען וואָס גייען אַקעגן כּלל זענען כּמעט נישטאָ. אין ״געהיימשטאָט״ געפֿינט מען בלויז איין דיאַלעקטישן גראַם אַזאַ... און אין סוצקעווערס זייער ברייטן ווערק געדענק איך ניט קיין דרײַ אַזעלכע. בײַ קאַציזנען איז אַ ביסל אַנדערש: ער האָט אַ סך מער דיאַלעקטישע גראַמען און וואָס שייך די ״קאָרעקטע״ גראַמען קען מען זיך דעריבער משער זײַן אַז קעגן זײַן דיאַלעקט וועט ער מסתּמא זעלטן גראַמען. אַז מע וויל עס באַשטעטיקן מיט אַ פּאָר צאָלן, באַקומט זיך אָבער אַז אויך בײַ אים זענען פֿאָרט דאָ אַ היפּשע צאָל ״ריין כּללישע״ גראַמען... צוואָר - עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק אַז זיי זענען געבונדן צו אַ קלענער צאָל ווערטער, למשל אַ צענדליגג מאָל גראַמט זיך אַזוי אַ וואַריאַנט פֿון ״גרויס״ (אין צפֿון אַרויסגערעדט [גרייס]) - אָבער דאָס צו באַשטעטיקן פֿאָדערט שוין צו פֿיל צײַלעניש פֿאַר הײַנט![15]

איך מוז שוין ענדיקן, איך האָף אַז מיט די אָנגעוואָרפֿענע באַמערקונגען האָב איך כאָטש געקענט ווײַזן, אַז עס איז כּדאַי צו אַנאַליזירן די געשיכטע פֿון גראַם־טעכניקעס אין אַ ברייטערן גערעם, כאָטש עס גיט ניט קיין געלעגנהייט צו רעדן פּרטימדיק וועגן דעם תּוכן פֿון די לידער, און אַז קאַציזנע האָט שוין אין די 20ער יאָרן אַנטוויקלט אַ סך טעכנישע מיטלען וואָס זענען וויכטיק פֿאַר דער ייִדישער ליריק ביז הײַנט - און אַפֿילו עקספּערימענטירט מיט באַנײַערישע מעגלעכקייטן וואָס מע האָט נאָך אים ווײַטער ניט גענוצט. קען זײַן אַז זיי זענען געווען קורצלעביקע אײַנפֿאַלן, קען זײַן אַז מע דאַרף זיי ווידער אַנטדעקן און ברענגען צו זייער פֿולן בלי.

שמעון נויבערג, טריר

״פֿאָרליד״ ווערט קינסטלעך פֿאַררעכנט פֿאַר 4 ״סטראָפֿעס״ ababcdcd (אַזוי אויך דאָס ״נאָכליד״ מיט די נומערן 246-249). די גראַמען ווערן געבראַכט אין טראַנסקריפּציע לויט דער סיסטעם פֿון ר. לעטשס (Ronald Lötzsch) ווערטערביכל; אַ שטערנדל אָנהייב וואָרט טיילט אויס די לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער.

[15] די שייכיקע טאַבעלע געפֿינט זיך ז. 9-11. דאָרטן מוז מען זיך רעכענען אין די ווײַבלעכע גראַמען מיט אַ רעדוקציע פֿון דער ע (אין ״פּועלן״, ״דור׳רן״ א״אַ) און אין די דאַקטילישע גראַמען מיט קאָנסאָנאַנטישע פֿרײַשאַפֿטן. אָנהייב־וואָרט באַצייכנט אַ שטערנדל לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער. אין די אַרויסרייד־אָנווײַזן אַ ״ליטווישן״ [ey] - אַן אויסרופֿצייכן ווײַזט אָן אויף אַ ״ליטווישן״ גראַם.

»ungenaue« Reime in Durs Grünbein: »UNA STORIA VERA; Ein Kinderalbum in Versen«
(Frankfurt am Main & Leipzig 2002)

| ∅ : +N | Seite |
|---|---|
| Spielzeugdampfmaschine:Leidensmienen | 10 |
| schielen : Nasenloch-Ventile | 10 |
| Wetter : hinaufzuklettern | 11 |
| Waldgelände : Waschfrauhänden | 14 |
| *Freunde : verleumden | 14 |
| bedeuten : heute | 19 |
| Rippen : Sippe | 21 |
| Züchten : Gerüchte | 21 |
| Watte : Schatten | 22 |
| Schwesternhänden : Wände | 22 |
| schwerer : Ernährern | 24 |
| Hase : Extasen | 28 |
| Sprache : Sachen | 29 |
| Mäusezähne : Gähnen | 31 |
| Eingeweide : schneiden | 31 |
| Einerlei : zu zwein | 32 |
| hatte: Schatten | 36 |
| Ecke : verstecken | 38 |
| *entzücken : Augenblicke | 40 |
| oben : Garderobe | 41 |
| ∅ : +R | |
| Schimmer : Babystimme | 21 |
| Stimme : Immer | 25 |
| herüber : trübe | 28 |
| Hagebutte : Mutter | 39 |
| ∅ : +S | |
| nichts : Milchgesicht | 14 |
| Papayas : Maya | 19 |
| Herzens : verscherzen | 29 |
| Lebens : Streben | 31 |
| ∅ : +T | |
| Vieren : spazierend | 9 |
| Putz: genutzt | 9 |
| Ächz-und-Grunz-Geräusch : enttäuscht | 10 |
| zweitausend : Flausen | 12 |
| wächst : Klecks | 15 |
| Rücken : bedrückend | 16 |
| en bloc : geschockt | 17 |
| Mucks : gluckst | 18 |

| | |
|---|---|
| Brüste : wüßtet | 19 |
| Griff : trifft | 20 |
| Züchten : Gerüchte | 21 |
| muß : Mutterbrust | 23 |
| allein : greint | 23 |
| taub : Gorgonenhaupt | 25 |
| spuckt : schluck! | 26 |
| saugend : Augen | 29 |
| gebeten : tretend | 32 |
| ich : sticht | 33 |
| kann : Schaukel-Elefant | 35 |
| ∅ : +NT | |
| Krankenzimmer : wimmernd | 22 |
| ∅ : +ST | |
| gähnst : sehn | 14 |
| +R : +N | |
| Wasser : Klassen | 11 |
| Oktober : umhergeschoben | 14 |
| Kiefer : Tiefen | 31 |
| Richter : schlichten | 32 |
| +R : +LN | |
| Sommer : trommeln | 11 |
| +T : +N | |
| eingebettet : Manhattan | 22 |
| +UNG : +E | |
| Rundung : Stunde | 26 |
| +AS : +E | |
| Koalas : Male | 28 |
| *Mama : Hammer | |
| *Bah : Gefahr | 38 |
| *verkrampft : sanft | 17 |
| *grün : Mühen | 29 |
| ∅ : +EN | |
| *ein : Weinen | 27 |
| +E(N) : +T | |
| *Kuscheltiere : amputiert | 28 |
| *Klassenschönen : verpönt | 30 |

Reimtypen (Reimgruppe [oj] in Kacyzne: P = Prometeuß, L–1 = *mideß: a jidische *chaßene [1924], L–2 = doß lid fun *Schewele *Hadaßeß [1930], L3 = *kejwer-Jißroel [1925], L4 = *kojleß ojf Ukrajne [1925], L5 = mamewant [1929], L6 = *tnueß: *megileß Tanchum [1927], L7 = *Kalmen-mit-di-emer [1928], L8 = *r' *Elje [1927], L9 = *Chajim-Jojne mitn *daleß [1924], L10 = falsche schtep [1929], L11 = *nußech: goldene schich, L12 = doktor Faußt Kon [1934] – L13 = *amcho [1935])

männliche:

וי־

| | | |
|---|---|---|
| P–224 | asoj : oj | */* |
| L–11–4 | froj : schtroj | 0/0 |

ויב־

| | | |
|---|---|---|
| P–9 | glojb : rojb | */* |
| P–11 | tojb : rojb | 0/* |
| L–2–62 | tojb : tojb | 0/0 |

ויט־

| | | |
|---|---|---|
| L–10–10 | brojt : tojt | */* |
| L–13–22 | fartrojt : rojt | 0/* |
| P–151 | gebojt : tojt | 0/* |
| P–21 | hojt : gebojt | 0/0 |

ויך־

| | | |
|---|---|---|
| P–67 | hojch : ojch | */* |
| P–70 | hojch : ojch | */* |
| P–26 | ojch : hojch | */* |
| P–75 | rojch : hojch | */* |

וי(ל)־

| | | |
|---|---|---|
| L–2–52 | fojl : mojl | 0/0 |
| P–17 | grojl : naket-hojl | 0/* |
| L–10–41 | asoj : sojl | */* |

וים־

| | | |
|---|---|---|
| L–7–6 | *gaboim : bojm | 0/* |

וין־

| | | |
|---|---|---|
| P–108 | krojn : lojn | */* |

וינט־

| | | |
|---|---|---|
| L–10–15 | gewojnt : lojnt | */* |

ויס־

| | | |
|---|---|---|
| L–12–28 | blojs : klojs | */0 |
| P–64 | arojß : grojß | 0/* |
| L–2–22 | grojß : hojs | */0 |
| L–9–6 | grojß : hojs | */0 |
| L–2–36 | hojs : arojß | 0/0 |
| L–2–8 | hojs : arojß | 0/0 |
| L–2–41 | hojs : grojß | 0/* |
| L–2–54 | hojs : grojß | 0/* |

ויס(ן)־

| | | |
|---|---|---|
| L–9–26 | grojß : in drojßn | */0 |

ויפּט־

| | | |
|---|---|---|
| P–125 | gerojbt : fartojbt | */0 |
| L–13–40 | lojbt : geglojbt | */* |

ויף־

| | | |
|---|---|---|
| L–13–27 | arojf : hojf | 0/* |
| L–2–56 | hojf : trep-arojf | */0 |

ויפֿ(ט)־

| | | |
|---|---|---|
| L–13–16 | lojft : hojf | */* |

ויק־

| | | |
|---|---|---|
| P–143 | *Jabojk : pojk | */0 |

weibliche:

ויע־

| | | |
|---|---|---|
| L–8–49 | bloje : *Elijohu | 0/0 |

ויבן־

| | | |
|---|---|---|
| P–164 | barojbn : derhojbn | */* |
| P–229 | derhojbn : glojbn | */* |
| P–119 | derhojbn : ojbn | */* |
| L–7–24 | derhojbn : tojbn | */0 |
| P–65 | ojbn : derhojbn | */* |
| P–59 | tojbn : derhojbn | 0/* |

ויגן־

| | | |
|---|---|---|
| L–10–45 | ojgn : tojg$_{=}$im | */* |
| P–88 | bojgn : ojgn | */* |
| L–2–10 | derzojgn : ojgn | */* |
| L–6–25 | tojg$_{=}$nischt : ojgn | */* |
| L–2–41 | farbojgn : ojgn | */* |
| L–7–16 | ojgn : bojgn | */* |

L–4–14 ojgn : farbojgn */*
L–6–19 ojgn : farbojgn */*
L–2–21 ojgn : farzojgn */*

־וידעם

L–9–16 *kojdem : bojdem */*

־ויזע

P–178 *chojse : blojse */*

־ויטע/ויטן

L–3–41 rojtn : brojt‗unds */*
L–3–50 rojtn : brojt‗unds */*
P–112 rojtn : nojtn */*
P–230 tojtn : rojtn */*
P–231 tojte : rojte */*

־ויעך

L–8–38 *kojech : gej‗ich */!

־ויכעס

L–2–1 *kojcheß : *porojcheß */*

־ויכער()

L–8–10 ojch‗recht : *ßojcher */*

־וילע/וילן

L–6–25 !Pojln : katojl */*
L–2–36 farhojln : *chojle */*
L–3–12 fojln : *kejwer-Jißroel 0/0
L–3–38 hojle : *kejwer-Jißroel */0
P–106 *kejle : *chojle !/*
L–3–13 grojlech : *kejwer-jißroel 0/0
P–8 *poj'ln : grojln */0
L–10–20 sojln : grojln */0

־ויעל(ן/ט)

L–3–7 *pojeln : *kejwer-Jißroel */0
L–3–40 *gepojelt : *kejwer-Jißroel */0

־וימען

L–7–23 *merojmim : *nischtojmem */*
P–176 sojmen : trojmen 0/0

־וימעס

P–78 *behejmeß : *bal-chalojmeß !/*

־ויען

P–45 fartrojen : frojen 0/0
P–131 fartrojen : *nißojen 0/0
L–5–1 frojen : *alt-Jeruscholajim 0/0
L–5–8 frojen : fartrojen 0/0
L–10–28 *gojim : *bisojen 0/0
P–0 grojen : frojen 0/0
P–53 grojen : frojen 0/0
P–174 *nißojen : bojen 0/0
P–60 *nißojen : kroen 0/0

־וינען

L–7–22 krojnen : schtojnen */*
P–18 schojnen : schtojnen */*

־וינעס

L–10–3 *bisjojneß : *mesojneß */*

־ויסע/ויסן

L–6–50 !grojßn : ojß */0
L–6–39 ojßn : grojße 0/*
L–10–53 Samojßkin : ojßton 0/0
P–162 grojßn : geschtojßn */*
L–5–13 grojßn : ojß */0
L–9–22 ojßn : drojßn 0/0

־ויפֿע/ויפֿן

P–238 lojfn : *ojfn */*
L–6–8 *ojfn : sojfn */0
P–34 sojfn : antlojfn 0/*
L–6–43 *rojfe : lojfn */*
L–12–2 *rojfe : *ojfn */*
L–13–47 antlojfn : hojf‗schojn */*

־ויפֿער

P–100 *kojfer : ojfher */0
P–248 *schojfer : ejfer */!

־ויפֿעס

P–6 *bal-mojfeß : *tojfeß */*

־ויצע(ר)

L–10–52 *jojze : *ojzer */*
L–9–5 plejze : *jojze !/*

־ויער/וירע

L–9–32 mojer : tojer 0/*
L–7–23 badojern : *bojre 0/*

L–8–26 *ben-tojre : *laawojdeß-habojre */*

P–19 *mezojre : *awejre */!

L–7–21 *mojre : tojer */*

L–7–15 pojer : *tojre 0/*

L–13–10 *ßchojre : *more-schchojre */*

[ W1–3–49 gebo(j)rn : *kworim]

[ W1–3–38 baschwo(j)rn : *kworim]

[ W1–11–3 *chißorn : farlo(j)rn]

־ויער(ן)/וירע

L–2–84 *diwre-tojre : tojern */*

L–7–5 mojern : *majß[e]-nojre 0/*

L–2–99 *mojre : dojern */0

L–5–14 ojern : badojer */0

L–5–9 ojern : trojer */0

L–3–46 *tehojrim : *gsejre */!

־וירעס

P–73 *dojreß : *Emojreß */*

־וישטער

P–83 antojschter : barojschter */0

<u>daktylische:</u>

־ויבענע

L–1–3 ßojblne : derhojbene 0/*

־ויבערשן

L–3–45 *kejwer_schojn : ojberschtn (!/*)

־ויעגזע

L–8–46 *nojheg_sich : farnojgt_sej */*

־ויגעלעך

L–8–17 fojglmilch : ojgelech */*

־וידענע

L–1–24 *ßojdenen : bojdemer */*

־ויטעריש

L–3–19 wejßt_ir_nischt : tojt_derschpirt !/*

־ויעלע

L–1–21 *gojele : *pojelen */*

־וילעמטע

L–3–25 *beß-ojlemdik : *bazejlemte */!

־ויליקע

L–1–13 grojliker : hojlinkn 0/*

־וילערעס

L–8–18 mojl_arojß : jung-wojlerisch 0/*

־ויסעטיק

L–1–5 drojßndik : grojßartik 0/*

־ויפֿעניש

L–1–12 lojfenisch : *rojfe_nischt */*

־ויערן

L–1–38 *pojerim : mojern 0/0

L–3–20 *pojerim : trojerik 0/0

L–1–23 dojern : pojerl 0/0

־וירעניש

L–1–32 jojrndik : *mojre_nischt */*

L–8–39 *ßchojre_nischt : *brejre_nischt */!

־ויעשע

L–3–18 *gojische : wojeßtu 0/0

L–1–4 *kol-Jißroel_schtejt : frojische 0/0

־וישעכטן

L–1–40 *chojschech_ton : ojßschechtn */0

L–3–19 ojßterlisch : ojberschter 0/*

[W1–1–23 *lerow_gewen : ojfgewekt]

Reimtypen (Reimgruppe [oj]) in A. Sutzkever: געהיימשטאָט

| | | |
|---|---|---|
| ויבן¯ | | |
| 152d | ojbn : barojbn | */* |
| 126c | schojbn : barojbn | 0/* |
| 68a | ojbn : glojbn | */* |
| 93c | ojbn : glojbn | */* |
| 82b | schojbn : ojbn | 0/* |
| 87d | glojbn : rojbn | */* |
| 209d | schojbn : schtojbn | 0/* |
| 11d | ojbn : tojbn | */0 |
| 193b | glojbn : derhojbn | */* |
| ויבער¯ | | |
| 127e | zojber : rojber | 0/* |
| ויגן¯ | | |
| 81a | ojgn : farflojgn | */* |
| 52b | farflojgn : farsojgn | */* |
| 64b | gebojgn : farflojgn | */* |
| 100b | gewojgn : bazojgn | */* |
| 151b | tojgn : ojgn | */* |
| 111c | bazojgn : ojgn | */* |
| 129e | gesojgn : bojgn | */* |
| 202b | gebojgn : ojgn | */* |
| 85e | zebojgn : ojgn | */* |
| 163b | derflojgn : gesojgn | */* |
| ויגעס¯ | | |
| 52a | *brojges : tojg‗eß | */* |
| וידן¯ | | |
| 177e | bojdn : hojden | 0/* |
| וידע¯ | | |
| 242d | gehojde : asoj‗do | */* |
| ויזל¯ | | |
| 113e | gekrojsl : jojsl | 0/* |
| ויז(ע)ן¯ | | |
| 219e | klojsn : antblojsn | 0/* |
| [247b | hojsn : rojsn] | */* |
| 156e | ojßsen : derpojsen | 0/0 |
| ויזעק¯ | | |
| 146b | brojsik : schtrojsak | 0/0 |
| ויט¯ | | |
| [2a | tojt : bojt] | */* |
| ויטע¯ | | |
| 161a | tojte : rojte | */* |

| | | |
|---|---|---|
| ויכל¯ | | |
| 106c | *mojchl : schtrojchl | */0 |
| ויכן¯ | | |
| 55c | tojchn : hojchn | 0/* |
| וילעם / ויל(ע)ן¯ | | |
| 129d | mojl‗im : *ojlem | 0/* |
| 107a | *ojlem : *gojlem | */* |
| 160a | *beß-ojlem : *ojlem | */* |
| 157d | *ojlem : *beß-ojlem | */* |
| [249b | kojlen : *ojlem] | */* |
| 144e | kojln : bafojln | 0/* |
| 196a | Pojln : bafojln | */* |
| 196e | fojln : Pojln | 0/* |
| 127c | Pojln : sojln | */* |
| 157e | bafojln : kojln | */0 |
| 101a | kojln : kojlen | 0/* |
| וילעך¯ | | |
| 11e | blojlech : *mojlech | 0/* |
| וילעס¯ | | |
| 157b | kojl‗is : *kojleß | 0/* |
| וים¯ | | |
| [1a | rojm : trojm | 0/0 |
| וימעם / וימען¯ | | |
| 166e | kojm‗im : *nischtojmem | 0/* |
| 181c | kojmen : gerojmen | */0 |
| וימער¯ | | |
| 109a | *chojmer : *schojmer | */* |
| 245d | trojmer : *schojmer | 0/* |
| וינונג¯ | | |
| 82c | wojnung : schtojnung | */* |
| 162c | schtojnung : wojnung | */* |
| וינע¯ | | |
| 141b | *ßojne : asojne | */* |
| 97b | asojne : bojne | */0 |
| וינען¯ | | |
| 178e | wojnen : parschojnen | */* |
| 20a | bawojnen : parschojnen | */* |
| 197c | *mekojnen : krojnen | */* |

**־וינער**

222d wojner : brojner */0

**־ויסט(ע)ן**

101c fojßtn : ojßton 0/0
128a ojßton : fojßtn 0/0

**־ויסטער**

226c klojßter : zebrojster 0/0

**־ויסן**

23e drojßn : ojßn 0/0
166b grojßn : drojßn */0

**־ויסער**

81b ojßer : grojßer 0/*

**־ויעך**

163a *Nojech : *kojech */*
172c *bekojech : *kojech */*

**־ויעל**

45c *gojel : *schma Jißroel */!

**־ויען**

85d getrojen : *goen 0/!

**־ויער**

227b mojer : kapojer 0/*
220d *sojher : trojer */0
122c ojer : genojer */0
32b ojer : trojer */0
[2b dojer : trojer] 0/0
39c pojer : trojer 0/0
235b *sojher : tojer */*

**־ויערט**

210c rojerd : farbojert */0
25a farkapojert : lojert */0
78b farmojert : gebojert 0/0
159e farmojert : gelojert 0/0

**־ויפּל**

216c asoj_fil : *ojfl */*

**־ויפֿעק**

29d ojfik : *dojfek 0/*

**־ויפֿעס**

5b *ßrejfeß : *ojfeß !/*

**־ויפֿער**

78c lojfer : ojfher */0
155e lojfer : ojfher */0

**־וירל**

138e *Dwojrl : *gojrl */*
204e *Dwojrl : *gojrl */*
24b *gojrl : *Dwojrl */*

**־וירלען**

62c *Dwojrlen : jojrlen */*

**־וירן**

140d gebojrn : farlojrn */*
231d geschwojrn : farlojrn */*
66a farlojrn : gebojrn */*

**־וירנס**

11b okerscht-gebojrnß : farlojrnß */*

**־וישעם**

243e *kdojschim : gerojsch_im */0